# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## ערב שב"ק פרשת שלח שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שבת קודש צופרי פרשת בהעלותך

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר איינער פון אנשי שלומינו: דער הייליגער רבי האט געזאגט אויף אפאר זאכן אז איך זאג אנדערש פון דער וועלט, און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערעכנט עטליכע פון זיי.

איינס, שרייבט רבי נתן זכרונו לברכה אין חיי מוהר"ן (סימן כ"ה), אז דער רבי האט געזאגט: "העולם אומרים שספורי מעשיות מסוגל לשינה, ואני אמרתי שעל ידי סיפורי מעשיות מעוררין בני אדם משנתם", דער וועלט זאגט אז סיפורי מעשיות איז גוט צום איינשלאפן, אבער איך זאג - זאגט דער רבי - אז סיפורי מעשיות וועקט אויף א מענטש פון זיין שלאף; האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז דאס האט ער שוין געהערט פון אלס קינד, אז כדי צו קענען איינשלאפן איז גוט צו לייענען מעשיות.

צווייטנס, האט דער רבי געזאגט (אשר בנחל חלק ס"ה, דף רע"ט): "דער וועלט זאגט אז מען עסט שוין חזיר, זאל כאטש רינען די פעטין אויף די בארד, אבער איך זאג: אז מען עסט חזיר חס ושלום, זאל מען כאטש זען אז עס זאל נישט רינען אויף די בארד"; דאס האב איך שוין אויך אמאל געהערט פון אן עלטערן איד, וואס האט זיך מיר אויסגעדריקט ממש דעם לשון: "דער וועלט זאגט דאך אז מען עסט חזיר, זאל כאטש רינען די פעטין אויף די בארד..."

דריטנס, האט דער רבי געזאגט (שיחות הר"ן, סימן לג): "אצל העולם אמונה הוא דבר קטן, ואצלי אמונה הוא דבר גדול מאד", ביי די וועלט איז אמונה א קלייניקייט, אבער ביי מיר איז דער עיקר אמונה, "ועקר האמונה היא בלי שום חכמות וחקירות כלל, רק בפשיטות גמור כמו שהנשים וההמון עם הכשרים מאמינים", אן קיין חקירות און אן קיין חכמות, נאר פשוט אזוי ווי פרויען און פשוט'ע מענטשן גלייבן; דאס האב נאך נישט געהאט געהערט פון קיינעם, ווי קען א מענטש זאגן: "אמונה איז א קלייניקייט"? אבער דאס האב איך אויך לעצטנס געהערט, א אינגערמאן האט מיר געזאגט אז ער האט אמאל געפרעגט זיין מגיד שיעור אז ער הערט אסאך

די שיעורים פון ישיבה אויף "קול ברסלב", און ער פילט ווי די שיעורים געבן אים א חיות און באקומט דורך דעם אמונה און בטחון, צי מעג מען טאקע הערן דעם ליין? האט אים זיין מגיד שיעור געענטפערט: אז די פילסט ווי דאס געבט דיר חיות קענסטו עס הערן אמאל אמאל, אבער דאס איז אזוי ווי א פרויען'ישע ליין, עס רעדט פון אמונה... - דאס איז ממש וואס דער רבי האט געזאגט.

א אינגערמאן איז אריין געקומען אין בית המדרש שבת צופרי, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן אויף אים: ער איז מיין ערשטער תלמיד, נאך פון די ערשטע ישיבה וואו איך בין געווען מגיד שיעור; און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט איבער דעם תלמיד'ס התקרבות: איך פלעג אלץ חזר'ן מיט די תלמידים: "אז א איד מוז האבן א צדיק, וואס זאל אים זאגן וואס צו טון אין עבודת השם, עס מיינט נישט אז דער צדיק דארף האבן מענטשן מיט פארענטשעס וכדומה, א צדיק מיינט וואס קען דיר העלפן, ער קען דיך ברענגן צום אייבערשטן", און דער אינגערמאן האט דעמאלט געלערנט ביי מיר, און האט מיך שטארק געמוטשעט: "רבי (אזוי האט מען דעמאלט - אלס מלמד - גערופן דעם ראש ישיבה שליט"א) ווער איז דעם רבי'נס צדיק?" איך האב זיך אלץ ארויסגעדרייט פון אים: "וואס איז א חילוק, דער עיקר איז אז מען האט אן ערליכער איד, א צדיק, וואס קען דיך ברענגן צום אייבערשטן", אבער ער האט מיך נישט אפגעלאזט, ביז איך האב אים אויסגעזאגט ווער מיין רבי איז: מוהרא"ש, איך האב אים אנגעזאגט אז ער טאר דאס נישט דערציילן פאר קיינעם וכו' וכו', ביז מען האט פארשיקט דעם בחור קיין ארץ ישראל, מיינענדיג אז דארט קען מען נישט האבן קיין שייכות איינער מיט'ן אנדערן, אבער למעשה האבן מיר זיך דארטן אויך מחזק געווען אויפ'ן טעלעפאון וכו' וכו'.

# שייעור בספר פעולת הצדיק

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט פון סימן תר"ח, ביז סימן תר"י.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזעצט נעבן זיך א תלמיד, א נייער מקורב, און דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געזאגט: איך וויל אז דו זאלסט זיצן נעבן מיך, ווייל איך האב זייער מורא אז איך זאל נישט ווערן אלט, איך וויל אלץ בלייבן פריש ביים רבי'ן, דעריבער אז דו וועסט זיצן נעבן מיר - וועל איך אויך ווערן פריש.

אזוי ווי סימן תר"ח רעדט זיך פון די שבתים וואס דער רבי איז געפארן צו די תלמידים, האט דער ראש ישיבה מקדים געווען דאס פאלגענדע: בחיים חיותו פון הייליגן רבי'ן איז געווען דריי זמנים ווען מען פלעגט קומען צום רבי'ן: 'ראש השנה', 'שבת חנוכה' און 'שבועות', און דריי זמנים פלעגט דער רבי פארן צו זיינע חסידים: 'שבת שירה', 'שבת חנוכה' און נאך איין שבת וואס האט נישט געהאט קיין קביעות ווען עס זאל זיין (חיי מוהר"ן, פעולת הצדיק סימן תפ"ג).

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמועסט פונעם 'מגלת סתרים', אז מוהרא"ש שרייבט נישט ארויס קיין נעמען, מוהרא"ש שרייבט: ור' אברהם מסרו לר'... ור' מסרו לר'... השם יתברך יזכנו להתבשר בשורות טובות, אמן כן יהי רצון; האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז זיי זענען געווען אזוי: ור' אברהם מסרו לר' לוי יצחק זכרונו לברכה, ור' לוי יצחק מסרו למוהרא"ש זכרונו לברכה, השם יתברך יזכנו להתבשר בשורות טובות, אמן כן יהי רצון.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז תלמידים פרעגן דעם ראש ישיבה, צי מוהרא"ש האט איבערגעגעבן דעם מגלת סתרים ווייטער 'להראש ישיבה'? זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: אז מוהרא"ש האט גארנישט מיט גענומען קיין סודות מיט זיך, וואס מוהרא"ש האט געוואוסט האט ער געשריבן; מוהרא"ש האט געזאגט: "דער וועלט זאגט אז נישט אלעס וואס מען טראכט - שרייבט מען, נישט אלעס וואס מען

שרייבט - דריקט מען, און נישט אלעס וואס מען דריקט - צושפרייט מען; אבער ביי מיר איז נישט אזוי, וואס איך טראכט - זאג איך, וואס איך זאג - דריק איך, און וואס איך דריק - צושפרייט איך אין דער גאנצער וועלט.

היינט קען מען טרעפן אויפ'ן קאמפיוטער ווי איינער האט מיט חכמה געעפנט די ראשי תיבות פון דעם כתב יד פון די מגלת סתרים, און אלעס וואס ער האט געעפנט שטומט מיט'ן מציאות וואס מען זעט היינט וואס מוהרא"ש האט אריין געברענגט, מען זעט ווי דער רבי האט געזאגט אז משיח וועט אריין ברענגען אין די וועלט די זאך פון חתונה האבן יונג, און וועט אריין ברענגען שמחה, און וועט שרייבן בריוו פאר דער גאנצער וועלט; דאס איז ממש וואס מוהרא"ש האט געטון, מוהרא"ש האט אריין געברענגט חתונה האבן יונג, און שמחה, און האט געשריבן זיבעציג טויזנט בריוו פאר די גאנצע וועלט; עס איז אבער גרינגער פאר א מענטש עס צו ליינען אין א ספר מיט ראשי תיבות, וואס מען קען נישט פארשטיין, ווי לערנען מוהרא"ש'ס ספרים, ווייל אין אשר בנחל קוקט עס אויס אז עס איז צו פשוט; אז מען לערנט 'אוצר קונטרסים' און 'אשר בנחל' זעט מען אלעס וואס וועט זיין ביז ביאת הגואל, און וואס וועט זיין פון ביאת הגואל ביז תחיית המתים.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט סימן תר"ח, דעם לשון: "איך בין אויף זיי ברוגז, זיי זענען מארק מענטשן, זאלן זיי נישט זיין קיין מארק מענטשן, וואלט זיי דער אויבערשטער אויך אויס געפירט", האט דער ראש ישיבה שליט"א עס מסביר געווען, אז וואס האט א מענטש פון דעם אז ער האט געפאקט באקסעס זיבעציג יאר אין א צו; און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט, אז דער רבי פלעגט קיינמאל נישט זאגן פאר א מענטש וואס צו טון, ווייל נאכדעם זאגט דער מענטש: "קוק, איך האב געפאלגט דעם רבי'ן, און דאס איז מיר געשען"; און דער ראש ישיבה האט דערציילט אז דער רבי האט געהאט א תלמיד וואס האט געהייסן רבי נפתלי זכרונו לברכה, ער פלעגט עוסק זיין אין משא ומתן, דער רבי האט אים נישט געוואלט זאגן ער זאל אויפהערן

ארבעטן, האט אים דער רבי געפרעגט: "נפתלי, א גאנצן טאג?" - האט רבי נפתלי פארשטאנען פון דעם אז דער רבי וויל אז ער זאל אביסל פונעם טאג אויך דינען דעם אייבערשטן, לערנען און דאווענען, האט ער אזוי געטון, ער האט נאר געארבעט אביסל פונעם טאג, נאכדעם האט אים דער רבי געפרעגט: "נפתלי, יעדן טאג?" - האט רבי נפתלי שוין פארשטאנען פון רבי'ן אז ער זאל נישט אריין גיין יעדן טאג צו דער ארבעט, אזוי האט אים דער רבי געפרעגט עטליכע קשיות, ביז ער האט פארשטאנען אז דער רבי וויל אז ער זאל אויפהערן אינגאנצן צו ארבעטן, האט ער אזוי געטון.

נאך דעם שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א מאריך געווען אין דעם ענין פון 'הפצה'; איינער האט געברענגט פארן ראש ישיבה שליט"א א בלעטל פון א צייטונג, וואו דער בריוו שרייבער דערציילט אז ער האט געזאגט תהלים און אינמיטן איז ארויסגעפאלן א קליין צעטעלע מיט א נומער פון א האטליין פון א געוויסע קרייז וואס ווילן אריינכאפן אנדערע מיט זייער מיסיאנערישע ארבעט... האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: אמאל פלעגט מען נאך אריין קוקן אין א צייטונג, אבער היינט ווער ליינט נאך די צייטונגען, דאס איז געמאכט זיך אפצואווישן די נאז...

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: היינט - נאך די קאראנע - דארף מען אסאך זיך שטארקן אין 'הפצה', ווייל ווי נידריג די דור איז געווען ביז קאראנע איז עס יעצט געפאלן אסאך מער; און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו א אינגערמאן וואס וואוינט אין עירמאנט: "דו דרוקסט נאך די גליונות? דו ווייסט אז אין עירמאנט דארף מען רחמי שמים...

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: מענטשן פרעגן מיר: "עס איז דאך ממש א שאד, אויף דיין זון אלחנן נ"י, ער גייט א גאנצן טאג הפצה, ער וואלט דאך געקענט אויסוואקסן א דיין"; זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: קודם כל ער לערנט שוין יעצט פלייסיג, און ער וועט נאך לערנען פלייסיג, אבער איך מיין אז דיינים זענען דא גענוג, אבער מען דארף האבן נאך מפיצים, וואס זאלן צושפרייטן דעם רבי'נס לימוד

ארום די גאנצע וועלט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען איינער פון אנשי שלומינו וואס גייט נישט הפצה, זאגענדיג: אז דו גייסט נישט הפצה, דו שעמסט זיך, זיי כאטש מחזק דיין זון א יונגעל, ער זאל גיין הפצה, אז מען הייבט אן אלס קינד איז דאס בכלל נישט קיין נסיון, מען געוואוינט זיך צו, אזוי ווי מיין זון אלחנן נ"י האט אנגעהויבן אלס קינד, היינט לערנט ער שוין אויס פאר אנדערע צו גיין הפצה.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען עטליכע קינדער אז זיי זאלן גיין הפצה ביי די הייזער און אין די שולן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: א זאך וואס מען וואקסט אויף דערמיט פון אלס קינד, שעמט מען זיך נישט דערמיט, למשל די פיאות... און א קאפל שעמט מען זיך נישט דערפון, ווייל מען איז אויפגעוואקסן דערמיט פון אלס קינד. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: ווי אזוי קענען די חבד'סקע חסידים שטיין אין מאנהעטן מיט תפילין און ד' מינים, צווישן הונדערטער גוים וואס קוקן זיי נישט אן, ווי אזוי האבן זיי די כחות דערצו? נאר ווייל מען פלאנצט דאס אריין אין זיי פון אלס קינד, וואקסן זיי אויף דערמיט, איז עס שוין נישט קיין נסיון פאר זיי.